# ייִדיש-וואָך הימען

אָנטייל-נעמערס פֿון וואַרשטאַט אין ייִדיש-וואָך
רײַסטערסטאַון, מאַרילאַנד **2011**

רעפֿריין:
ייִדיש-וואָך, אַלע יאָר, קומט מיט אונדז צוזאַמען.
קומט איר פֿרי, קומט איר שפּעט; זאָלט איר ניט פֿאַרזאַמען.

[אָריגינעל, אין רײַסטערסטאַון:]
גרינע פֿעלדער, ווײַסע ציגן, רעדן ייִדיש מיט די ציגן.
יונגע ייִדן, אַלטע ייִדן, גויים זײַנען אויך צופֿרידן.

זינגען, טאַנצן, פֿיל אַנאָנסן, העלן לאַגער-פֿײַערס גלאַנצן,
משקה, בראָנפֿן, קאַווע טיי, כּשר עסן (שטערן ״קיי״!)

זייער נודנע [וואַזשנע] רעפֿעראַטן, און פֿאַרשיידענע וואַרשטאַטן,
קינדער גרופּעס שרײַבן נײַעס, שרײַען ווי די ווילדע חיות!

[רפֿאל פֿינקל, אין קאָפּייק:]
קליינע פֿישלעך, טשערעפּאַכעס, קלײַבן קרישקעס, שעפּן נחת,
ווען די אָזערע איז אָפֿן זײַנען מיר אַהינגעלאָפֿן.

[אײַזיק בלימאַן און ריינע שעכטער, **2020**:]

ייִדיש וואָך, אַלע וואָך, רעדט אויף זום צוזאַמען!
קומט איר פֿרי, קומט איר שפּעט; זאָלט איר ניט פֿאַרזאַמען!

אויף קאָמפּיוטער, אויף מאָבילקע, שווער צו שפּילן הילקע-פּילקע,
אָן דעם לינק קען מען נישט קומען, באָבעס, זיידעס: זיך פֿאַרשטומען!

גיין אויף לעקציעס אין פּיזשאַמע (אָדער ווייניקער מסתּמא)
קלײַבט אויס אַן אַקטיוויטעט. טאַלענטאַרניעפֿון קלאָזעט!